## פרשת ואתחנן י' – ט"ז אב תשע"ט לפ"ק

***יום ראשון פרשת ואתחנן – תשעה באב***
אחר תפלת מנחה, למד **רבינו שליט"א** לפני בחורי הישיבה שיעור בדברי הגמרא בעניני חורבן בית המקדש (גיטין נה:).

***וזה תוכן השיעור:***
**ווען** יודען זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים, תיכף די ערשטע יאר ווען מען איז געווען אין מדבר, האט דער אייבערשטער מצווה געווען (שמות כה-ח) ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, מען זאל בויען א משכן פארן אייבערשטען. פסח איז מען ארויסגעגאנגען פון מצרים, און משה רבינו איז אראפגעקומען פון בארג סיני ממחרת יום הכיפורים, און דעמאלטס איז געקומען די ציווי ועשו לי מקדש, אז מען זאל מאכען א משכן, ושכנתי בתוכם, דער אייבערשטער וועט רוען צוזאמען מיט יודען. במשך דעם ווינטער האט מען אויפגעשטעלט דעם משכן, און ביים קומענדיגען יאר ראש חודש ניסן, דעם ערשטען יאר נאך יציאת מצרים, האט מען מחנך געווען דעם משכן ה'.

**דער** משכן איז געשטאנען פערציג יאר, ווילאנג יודען זענען געווען אין מדבר. עס איז נישט געווען אויף איין פלאץ, נאר ווען מען איז געגאנגען ווייטער, האט מען צונומען דעם משכן, און מען האט עס צוריק אויפגעשטעלט אויף דעם נייעם פלאץ וואו מען איז אנגעקומען. אמאל איז מען געווען אויף איין פלאץ א טאג צוויי, מען האט אויפגעשטעלט די משכן, און מען האט עס תיכף צונומען. און עס איז געווען פלעצער וואו מען איז געווען יארן. מען האט געלערנט אין רש"י די פאריגע וואך (דברים א-מו), אז די האלבע צייט, ניינצן יאר, איז מען געזעסן אויף איין פלאץ אין קדש, און די איבריגע ניינצן יאר איז געווען די אלע צוויי און פערציג מסעות.

**ווען** מען איז אריינגעקומען קיין ארץ ישראל, מען איז אריינגעקומען אין א אייגענעם לאנד, האט מען צונומען דעם משכן, און מען האט עס באהאלטן, [עס שטייט נאך היינט, אזוי שטייט אין די גמרא (סוכה מה.), עצי שטים עומדים (שמות כו-טו), שעומדים לעולם ולעולמי עולמים, עס איז געבליבן אויף שטענדיג], און מען האט אויפגעשטעלט דעם משכן שילה. שילה איז געווען א פלאץ וואו מען האט אויפגעשטעלט א געהעריגע בנין, נאכדעם איז עס אריבערגעגאנגען קיין נוב וגבעון, און שפעטער האט שלמה המלך געבויט דעם בית המקדש אין ירושלים אויפן מקום המקדש. און דאס האט אנגעהאלטן פיר הונדערט און צען יאר.

**נאכדעם** איז געקומען דער חורבן, נבוכדנצר מלך בבל האט חרוב געמאכט דעם ערשטען בית המקדש. בבל האט איבערגענומען ארץ ישראל, און מען האט פארטריבען אלע יודען פון ארץ ישראל, און ירושלים איז געווען א פלאץ וואו א נברא איז נישט אדורכגעגאנגען צוויי און פופציג יאר (יומא נד.). קיין שום בעל חי, אפילו א עוף איז נישט אדורכגעפלויגן, עס איז נישט געווען קיין לעבן אין ירושלים. דער אייבערשטער האט געזאגט מעיקרא, אז דער גלות וועט נעמען זיבעציג יאר, און נאכדעם וועט מען באקומען רשות צוריק ארויפצוגיין, און דעמאלטס האט מען אויפגעבויט דעם צווייטען בית המקדש. אין די צייט פון די זיבעציג יאר איז געווען די מעשה פון מגילת אסתר. פורים איז געווען אין די צייט פון אחשורוש. - דער צווייטער בית המקדש איז געשטאנען פיר הונדערט און צוואנציג יאר, צען יאר לענגער ווי דער ערשטער בית המקדש. גדול יהיה כבוד הבית הזה האחרון מן הראשון (חגי ב-ט), דער צווייטער בית המקדש איז אויך געווען גדול בשנים, אין יארן, מער ווי דער ערשטער בית המקדש (ב"ב ג.). נאכדעם איז געקומען דער צווייטער חורבן דורך מלכות רומי. רוים דאס איז אדום, רוים איז איטאליע. די מלכות וואס איז געווען דעמאלטס אין רוים, האט חרוב געמאכט דעם צווייטען בית המקדש. און וואס עס שטייט ביי אונז אין די גמרא, רעדט מען על פי רוב פונעם צווייטען בית המקדש וואס איז חרוב געווארן.

**וויפיל** יאר איז שוין דא פונעם חורבן בית המקדש? טויזנט, ניין הונדערט, און איין און פופציג יאר איז יעצט פונעם חורבן בית שני. וויפיל יאר איז פון חורבן בית ראשון? כמעט צוויי און א האלב טויזנט יאר. דאס הייסט אז מען דארף צורעכענען צו די ניינצן הונדערט איין און פופציג, פיר הונדערט צוואנציג יאר וואס דער בית שני איז געשטאנען, און נאך זיבעציג יאר וואס עס איז געווען דער גלות,

קומט אויס אז פיר הונדערט און ניינציג יאר, איז געווען א דיפרענץ צווישן דעם חורבן בית ראשון, און דעם חורבן בית שני. דאס מיינט אז מען האלט ביי צווי טויזנט פיר הונדערט און איין און פערציג יאר פונעם חורבן בית ראשון.

*

**אקמצא ובר קמצא חרוב ירושלים.** די וועלט פרעגט, אז די גמרא זאגט, אקמצא ובר קמצא חרוב ירושלים, עס איז דאך נאר חרוב געווארן וועגן בר קמצא, דער קמצא איז דאך געווען א אומשולדיגער מענטש. מען האט אים געדארפט רופן צו די סעודה, און מען האט אים נישט גערופן, און מען האט גערופן אנשטאט אים בר קמצא, און דער בר קמצא האט זיך באליידיגט און ער איז געגאנגען צום קעניג, איז דאך נאר וועגן בר קמצא חרוב געווארן ירושלים. פארוואס זאגט מען, אקמצא ובר קמצא? - דער פשוטער טייטש איז, אז אויף די מעשה וואס האט פאסירט צווישן קמצא ובר קמצא, וואס עס איז געווארן א טעות אין די נעמען, דאס האט צוגעברענגט די חורבן פון ירושלים.

**די** וועלט זאגט, אז קמצא איז אויך שולדיג געווען. ווייל א גוטער פריינד, ווען יענער מאכט א סעודה, דארף ער קומען אומגערופן, מען דארף נישט ווארטען אויף כבוד אז מען זאל אים רופן. ווען דער קמצא, וואס איז געווען פאר אים א גוטער פריינט, וואלט געקומען פון זיך אליין צו די סעודה, וואלט נישט אויסגעקומען אז מען זאל דארפן שיקן א שליח, און יענער זאל מאכען א טעות צווישן קמצא ובר קמצא. אבער אז קמצא איז נישט געקומען נאר אז מען רופט אים, ער האט געווארט אויף דעם כבוד אז דער שליח זאל אים קומען רופן, איז אויסגעקומען א טעות אז מען האט גערופן בר קמצא. קומט אויס, אז קמצא האט אויך געהאט א חלק אין דעם חורבן, ווייל ווען ער וואלט געגאנגען אומגערופן, ווי עס פאסט זיך צו גיין צו א חבר'ס שמחה, וואלט נישט אויסגעקומען די גאנצע מעשה. אקמצא ובר קמצא חרוב ירושלים, ווייל קמצא האט אויך געהאט א חלק דערין.

**רש"י** טייטשט, אז קמצא ובר קמצא זענען געווען צווי פרעמדע מענטשען. קמצא איז איינער, און בר קמצא איז געווען א צווייטער. דער **מהרש"א** טייטשט, אז עס איז געווען א טאטע מיט א זון. קמצא איז געווען דער טאטע, און בר קמצא איז געווען דער זון פון קמצא. מיטן טאטע האט דער וואס האט געמאכט די סעודה גוט געלעבט, און מיטן זון איז ער געווען ברוגז. און דעם טאטן האט ער געוואלט רופן, אבער דעם זון בר קמצא האט ער נישט געוואלט רופן. דער **מהרש"א** גיט צו, אז לכאורה פארוואס איז דער בר קמצא געגאנגען צו די סעודה? ער ווייסט דאך אז יענער איז א שונא, וואלט ער געדארפט זאגען, אז א שונא רופט אים נישט צו די סעודה, עפעס איז דא א טעות. פארוואס איז ער געגאנגען צו די סעודה. נאר אזוי ווי ער האט געוואוסט, אז מיט זיין טאטע לעבט ער גוט, זיין טאטע איז אים א גוטער חבר, האט בר קמצא געמיינט אז ער וויל זיך יעצט איבערבעטן מיט אים, און ער וויל מיט אים אויך גוט לעבן, רופט ער אים צו א סעודה, און אז מען זיצט ביי א סעודה צוזאמען, ברענגט עס ארויס א אהבה איינער מיטן אנדערן. וועגן דעם איז ער געגאנגען. אקמצא ובר קמצא איז חרוב געווארן ירושלים, ווייל די סיבה פארוואס דער בר קמצא איז געגאנגען צו די סעודה איז געווען, ווייל קמצא, זיין טאטע, איז געווען א גוטער פריינד, האט ער געמיינט אז ער וויל זיך איבערבעטן מיט אים, איז ער געגאנגען צו די סעודה.

**עס** קען זיין, אקמצא ובר קמצא איז חרוב געווארן ירושלים. עס האט מיר פארציילט א שטוב מענטש פון **רבי הערשע'לע ספינקער זצ"ל**. אז רבי הערשע'לע האט אים אמאל געזאגט, דו באדינסט מיך טאקע זייער געטריי, אבער מיט דעם וואס דו באדינסט מיך געטריי, ווייס איך נאכנישט אז דו ביסט מיר באמת געטריי, ווייל עס קען זיין אז דו האסט חשבונות פארוואס דו טוסט עס. דו באקומסט געלט, דו באקומסט א געהאלט דערפאר, און עס איז א כבוד פאר דיר אז דו קענסט מיך באדינען. קען זיין אז דו האסט זייטיגע אינטערעסע אויף דערין, ווייס איך נישט צו דו טוסט עס טאקע מיטן גאנצן הארץ. אבער ווען איך זעה אז דו העלפסט אויך פאר מיינע קינדער, און אויף דעם באקומסטו נישט באצאלט, און דארט האסטו נישט קיין שום אינטערעסע אז דו זאלסט עס טון, דעמאלטס זעה איך אז דו ביסט מיר א גוטער פריינד. אזוי האט אים רבי הערשע'לע אמאל געזאגט.

**קומט** אויס, אז ווען מען וויל דערקענען די פריינטשאפט פון איינעם, איז נישט אז צו יענעם איז ער גוט, נאר עס ווענט זיך, ווי אזוי ער פירט זיך אויף צו זיינע קינדער. אז צו אים איז ער גוט, האט ער א אינטערעסע צו אים. אבער טאמער דו ביסט באמת צו יענעם א גוטער פריינד, און דו ווייסט דאך אז יענער האט ליב זיין קינד, ווי אזוי קען זיין אז צו אים זאלסטו זיין א גוטער פריינד, און א שונא פאר זיין קינד. עס פעלט דאך עפעס דא. אז דו ביסט א שונא פאר זיין קינד, איז א סימן אז די פריינטשאפט צו דיר איז נישט קיין אמת'דיגע פריינטשאפט. עס איז נאר וועגן א זייטיגע סיבה.

**אז** עס האט געקענט זיין אז קמצא איז געווען זיין גוטער פריינד, און זיין זון, בר קמצא, איז אים געווען א שונא, איז א סימן אז די אהבה וואס איז געווען צווישן קמצא און אים, איז געווען א פאלשע אהבה. און דאס איז געווען דער עונש פונעם חורבן, עס איז געווען שנאת חנם. אוכלין ושותין, מען האט געגעסן אינאיינעם, און מען האט געטרינקען צוזאמען, און מען האט זיך פיינט געהאט איינעם דעם אנדערן (יומא ט:). ער האט געקענט רופן יענעם צו די סעודה, און ער האט אים געוויזן ווי ער איז זיין גוטע פריינד, און באמת איז ער נישט געווען. קומט אויס, אז אקמצא ובר קמצא איז חרוב געווארן ירושלים, ווייל אויב מיטן זון האט ער נישט געקענט אויסקומען, און מיטן טאטן יא, איז א סימן אז די אהבה וואס ער האט געהאט צו קמצא, איז אויך געווען א פאלטשע אהבה, און עס איז געווען שנאת חנם.

*

**אמר הואיל והוו יתבי רבנן ולא מחו ביה, שמע מינה קא ניחא להו, איזיל איכול בהו קורצא בי מלכא.** און עס שטעלט זיך די קשיא, פארוואס האבן די רבנן זיך טאקע נישט וויסענדיג געמאכט? מען זיצט אין א שטוב און איינער גייט צו, און ער ווארפט איינעם ארויס, און מען מאכט זיך נישט וויסענדיג? זיי זענען דאך געווען רבנן, זיי זענען געווען תלמידי חכמים.

**אין** די מפרשים שטייט דערויף צוויי אופנים. אדער אז זיי האבן געוואוסט אז דער בעל הבית איז א גבר אלים, און מען וועט גארנישט אויפטון מיט דעם וואס מען וועט מוחה זיין, כשם שמצוה לומר דבר הנשמע, כך מצוה שלא לומר דבר שאינו נשמע (יבמות סה:), זיי האבן געפילט אז זיי האבן נישט קיין כח אז זיי זאלן קענען מוחה זיין, זענען זיי געשטאנען אינדערזייט, און זיי האבן נישט מוחה געווען. אטייל זאגען אז די חכמים האבן נישט באמערקט וואס עס האט פאסירט, וועגן דעם האבן זיי נישט מוחה געווען, אז יא וואלטן זיי מוחה געווען. און ער האט געמיינט אז די חכמים האבן יא באמערקט וואס עס גייט פאר, און זיי האבן גארנישט געזאגט, וועגן דעם איז ער ברוגז געווען. אבער לאמיתו של דבר, אזוי ווי זיי האבן נישט באמערקט, האבן זיי נישט מוחה געווען דערויף.

**מיין ברודער זכרונו לברכה**, וואס איז געווען רב אין תולדות אהרן, איז געווען א איידעם ביים פריערדיגן **תולדות אהרן רבי זצ"ל**. און אמאל איז דער תולדות אהרן רבי געווען אויף א שבת אין וויליאמסבורג, און ער האט געפירט טיש אין די סאטמארער בית מדרש אויף קליימער סטריט. עס איז געווען בימיו פונעם **ברך משה זצ"ל**, און אינמיטן טיש איז געזעסן א עלטערע יוד, און ער האט עפעס געהאט צו טון מיטן סאטמאר'ער רבי, צו מיט די גבאים, און אינמיטן טיש גייט צו איינער צו דעם יוד וואס איז דארט געזעסן, און ער זאגט אים, אזוי ברבים, שגץ גיי ארויס! דער יוד האט זיך נישט דערשראקן, און ער איז געבליבן זיצען אויף זיין פלאץ, און עס איז געווארן אזא בהלה אין בית המדרש. איך בין אויך געווען ביים טיש, און מיין ברודער איז געזעסן נעבן זיין שווער, און איך זעה ווי דער **תולדות אהרן רבי** זאגט עפעס פאר מיין ברודער שטילערהייט. און ער האט ווייטער געפירט די טיש. נאכן טיש פרעג איך מיין ברודער, וואס האט דיר דיין שווער געזאגט. זאגט ער מיר, ער האט מיר געזאגט, 'אזוי האט אויסגעקוקט ביי קמצא ובר קמצא'. מען איז געזעסן ביי די סעודה, און מען האט געזאגט פאר איינעם, שגץ גיי ארויס. - ער האט נישט אויסגעפירט, אז עס איז געווען יתבי רבנן ולא מיחו בהו, אז די רבנים האבן זיך נישט וויסענדיג געמאכט, זיי האבן זיך נישט אנגערופן. - דער **תולדות אהרן רבי** האט געפילט אז ער קען נישט מוחה זיין, ער זיצט ביי יענעם אין בית המדרש, ער קען זיך נישט אננעמען נישט אויף די זייט, און נישט אויף יענע זייט, איז ער געבליבן שטיל. אבער אזא זאך, זאגט די גמרא, האט צוגעברענגט דעם חורבן פונעם בית המקדש. – עס קען אמאל זיין אז מען האט גוטע חשבונות פארוואס

מען איז נישט מוחה, מען קען נישט מוחה זיין, אבער יענער טייטשט עס אויס, אז מען האט זיך נישט גערעכנט מיט זיינע געפילן, און מען האט אים ווי געטון, איז ער געגאנגען און ער האט גערעדט קורצא בי מלכא.

*

**אזל שדר בידיה עגלא תלתא.** ער האט געקענט נעמען א שעפעלע, אדער א איל, אדער א ציג, און ער האט געשיקט א עגל, און דאס האט צוגעברענגט צום חורבן בית המקדש. אין די מפרשים שטייט, אז עגלא איז א עגל, עגל דערמאנט אויפן חטא העגל. עס שטייט אין די גמרא (סנהדרין ), אז פון ווען מען האט געזינדיגט מיטן חטא העגל, האט דער אייבערשטער געזאגט, וביום פקדי ופקדתי (שמות לב-לד), ביי יעדן עונש וואס וועט קומען אויף יודען, וועט צוקומען א שטיקל וואס מען וועט באצאלן אויף דעם וואס מען האט געזינדיגט מיטן חטא העגל. אויפן חטא העגל האט מען געדארפט געבן א געוואלדיגען עונש, אבער דער אייבערשטער האט עס נישט געגעבן אויף איין מאל, ער האט געשניטן שטיקלעך, מען האט אלץ אוועקגעלייגט א שטיקל, ביי יעדן עונש האט מען צוגעלייגט נאך א שטיקל פארן חטא העגל. דאס איז געווען ביז צום חורבן פון בית המקדש, ווען דער בית המקדש איז חרוב געווארן, איז געווען אזוי גרויס די צרה פאר כלל ישראל, אז עס האט אפגעמעקט די חטא העגל, תם עונך בת ציון לא יוסף להגלותך (איכה ד-כב), מיט דעם האט זיך געענדיגט די עון פון בת ציון, וואס יודען האבן געמאכט דעם עגל. און אזוי ווי דאס האט צוגעברענגט דעם חורבן, האט מען פון הימל מזמין געווען אז ער זאל שיקן א עגלא תילתא, ווייל יעצט גייט זיך ענדיגען דאס וואס מען האט געדארפט נענש ווערן אלץ דעם חטא העגל.

*

**בהדי דקאתי שדא ביה מומא בניב שפתים, ואמרי לה בדוקין שבעין.** די מפרשים געבן צו, אז אלעס איז מיט א חשבון. דער מום איז געווען אדער אין די ליפן, אדער אין די אויגן, ווייל דאס איז געווען דער חטא פון בית שני. מען האט גערעדט מיט די ליפן איינער אויפן צווייטען, שהיו דוקרים זה את זה בחרבות שבשפתותיהם (עיין יומא ט:). מען האט געקוקט מיט א קרום אויג, עס איז געווען קנאה שנאה צווישן איינעם און דעם אנדערן, איז די מום געווען אדער אין די אויג, אדער איז עס געווען בניב שפתיים. מען האט געהאט גערעדט נעכטן (בסעודה שלישית) אז וועגן דעם אין איכה דארף שטיין קודם די פסוק וואס פאנגט זיך אן מיט די אות עין, און נאכדעם די פסוק מיטן אות פ"א, און עס שטייט קודם די פ"א און נאכדעם די עי"ן, שאמרו בפיה"ם מה שלא ראו בעיניה"ם (איכ"ר ב-ה). זעהט מען אז דער חטא איז געווען מיט די צוויי זאכען. דער פה מיטן עין דארט איז געלעגן דער חטא, איז פון הימל אויסגעקומען אז דארט זאל מען מאכען דעם מום.

*

**ענוותנותו של רבי זכריה בן אבקולס החריבה את ביתנו ושרפה את היכלנו.** ליכא מידי דלא רמיזי באורייתא (תענית ט.). עס שטייט אין פסוק (בראשית מט-כז) בנימין זאב יטרף, אין חלק פון בנימין איז געווען אויפגעבויט דער בית המקדש. וועגן דעם איז ער צוגעגליכן צו א וואלף וואס איז טורף, ווייל אלע בהמות האט מען גע'שחט'ן דארט, און דער מזבח האט טורף געווען אלע בהמות. 'זאב' איז די ראשי תיבות ז'כריה ב'ן א'בקולס. דער בית המקדש וואס איז געווען אויפגעבויט אין חלקו של 'בנימין', איז 'זאב', ז'כריה ב'ן א'בקולס, ער האט גורם געווען 'יטרף', אז מען האט טורף געווען, מען האט צוגענומען דעם בית המקדש, ווייל ענותנותו של זכריה האט גורם געווען די חורבן פון בית המקדש.

*

אחר תפלת ערבית וטעימה קלה יצא **רבינו שליט"א** לקדש הלבנה יחד עם בחורי הישיבה. אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **שלמה שיין** הי"ו, שהתקיים בראלי האטעל.

*

***יום שני פרשת ואתחנן***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לנכדו הבחור **צבי הירש** נ"ו בן לבנו **הרה"ג רבי יהושע שליט"א** ולהבחור **דוד** נ"ו בן הר"ר **שלמה שיין** הי"ו.

אחר תפלת שחרית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, כאשר בחורי הישיבה ועשרות אנשי שלומינו ממלאים את היכל הבית המדרש, ושרים ניגוני שבח והודיה לכבוד המאורע.

אחר ששרו ניגוני שמחה, חילק **רבינו שליט"א** מהמזונות לדייני קהלתינו הק' ורמ"י הישיבה וחשובי אנ"ש שנכחו במקום, ויצא בריקודין של שמחה עם בחורי הבר מצוה נ"י. ועברו כל הקהל לפני **רבינו שליט"א** לברך ולהתברך בברכת מזלא טבא.

אחר מסיבת לחיים השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה לבחורי הבר מצוה, ונתן להם דורן דרשה, והאציל עליהם מברכות קדשו.

*

***<u>יום שלישי פרשת ואתחנן</u>***

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והלך לניחום אבלים אצל משפחת ש"ב הרבנית מלאנדסבערג ע"ה.

**<u>קול רנה וישועה באהלי צדיקים</u>**

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לעיר בארא פארק, להשתתף ולפאר בשמחת הבר מצוה של נכדו הבחור **צבי הירש** נ"י בן לבנו **הרה"ג רבי יהושע שליט"א** (חתן הגה"צ רבי חיים אלעזר ראבינאוויטש שליט"א ראש ישיבת מונקאטש, בן כ"ק האדמו"ר ממונקאטש שליט"א) שהתקיים בבית המדרש מנחת אלעזר מונקאטש.

קהל גדול של חסידים וידידים אנשי שלומינו ובית מונקאטש, צבאו וגדשו את היכל הבית המדרש, שהיה ערוך בשולחנות ובסעודה רחבה ברוב פאר והדר כראוי וכיאות, כאשר בשלחן המזרח פיארו רבנים גאו"צ וקרובי המשפחה שליט"א, שהגיעו לשמוח בשמחת בית צדיקים.

בשעה המיועדת הופיע **רבינו שליט"א** ביקרו ביחד עם מחותנו **כ"ק האדמו"ר ממונקאטש שליט"א**, וקהל הקודש קיבלו פניהם בשירה ובזמרה ובריקודין של שמחה. – בתחלת הסעודה ערך חתן הבר מצוה נ"ו סיום על כל 'ששה סדרי משנה' שלמד בשקידה. אחר כך נשמעו דברי תורה לרגל השמחה מאת **הרה"ג רבי יהושע שליט"א** ומאת **הגה"צ ר"י מונקאטש שליט"א**.

אחר פרקי שירה וזמרה זכו לשמוע דברות קודש **מכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א** שהביע בהתרגשות שמחתו הגדולה, על הכנסת נכדו החביב לעול התורה והמצות, וביותר שלאחר עמל ויגיעה זכה לסיים ששה סדרי משנה, והמשיך בדברי דרוש והדרכה בלימוד וחזרת תורתנו הק', ואיחולי ברכת מזל טוב למחותנו שליט"א ולכל בני המשפחה ובראשם הסב הגדול **כ"ק האדמו"ר ממונקאטש שליט"א**.

אחר הדברות קודש השמיע חתן הבר מצוה נ"ו את הפשעטיל בטוב טעם בסוגית הגמרא בדין הסח בין תפילה לתפילה (מנחות לו.), ופרצו כל הקהל בריקודין של שמחה וחדוה, **ורבינו שליט"א** יחד עם הסב **כ"ק האדמו"ר ממונקאטש שליט"א** יצאו בריקוד מיוחד עם חתן הבר מצוה נ"ו, **ורבינו שליט"א** המשיך בריקוד עם בנו **הרה"ג רבי יהושע שליט"א** ובני המשפחה.

ביותרת הכבוד נשמעו דברי תורתו של **כ"ק האדמו"ר ממונקאטש שליט"א** שפתח את דבריו ברגש שזוכה לראות המשכת דור ישרים יבורך, ובדברי הודיה להשי"ת על כל הטוב שגמל עליו, והשמיע דברי הדרכה לנכדו היקר נ"ו להמשיך בדרך הזהב של אבותיו ורבותיו נבג"מ.

אחר שבירך חתן הבר מצוה נ"ו ברכת המזון על הכוס עברו המשתתפים לפני **מרנן האדמורי"ם שליט"א** ובעלי השמחה שליט"א לברך ולהתברך בברכת מזל טוב.

לכבוד השמחה הגדולה יצא לאור כרך נוסף מספרי דבי רב ספר **שמן ראש** (חלק אחד עשר על ספר דברים), נדבת לבו של ידידנו הר"ר **יואל ווערצבערגער** הי"ו, ונתחלק לכל המשתתפים.

**יהא רעוא שמשמחה זו יושפע לנו ולכל ישראל**
**להתברך בכל מילי דמיטב.**

***<u>וזה תוכן הדברות קודש:</u>***

**פותחין** בכבוד אכסניא, איך וויל אפגעבן קודם א מזל טוב פארן רבי'ן זאל זיין געזונט. דער אייבערשטער האט אים געגעבן די זכיה, צו זיצן ביי א סעודת בר מצוה פון א פערטן דור. זאל דער אייבערשטער געבן ווייטער אויך לאנגע געזונטע יארן, מען זאל קענען אנגיין מיט די עבודת הקודש.

**מען** געפינט די וואך אין די פרשה, אז די תורה הק' זאגט (דברים ד-ט) רק השמר לך, דו זאלסט זיין אפגעהיטן, ושמור נפשך מאד, און דו זאלסט דיך שטארק היטן, פן תשכח את הדברים אשר ראו עיניך, אפשר וועסטו פארגעסן וואס דיינע אויגן האבן געזעהן, ופן יסורו מלבבך כל ימי חייך, אפשר וועט זיך עס אפטון פון דיין הארץ אלע טעג וואס דו

לעבסט, והודעתם לבניך ולבני בניך, דו זאלסט מודיע זיין פאר דיינע קינדער און פאר די אייניקלעך, יום אשר עמדת לפני ה' אלקיך בחרב.

**מען** האט יעצט געליינט מגילת איכה. עס איז דא א פסוק (איכה ב-ט), 'מלכה ושריה בגוים', דער מלך מיט די שרים זענען געגאנגען אין גלות צווישן גוים, 'אין תורה', ביי גוים איז נישט דא קיין תורה. עס שטייט אין מדרש (איכ"ר ב-יז) אם יאמר לך אדם, אויב א מענטש וועט דיר זאגן, חכמה בגוים, אז עס איז דא חכמה ביי גוים, תאמין, זאלסטו אים גלייבן. און ער ברענגט א פסוק (עובדיה א-ח) אז עס איז דא חכמה ביי גוים, און לעתיד וועט דער אייבערשטער מאבד זיין די חכמה. אם יאמרו לך, טאמער מען וועט דיר זאגן, יש תורה בגוים, עס איז דא תורה ביי גוים, אל תאמין, זאלסטו נישט גלייבן. מלכה ושריה בגוים אין תורה, ביי גוים איז נישטא קיין תורה.

**און** מען דארף דאס פארשטיין. ביי אמונה רעדט מען פון א זאך וואס מען זעהט נישט מיט די אויגן, נאר מען דארף עס איבערגעבן, און גלייבן וואס מען זאגט. א זאך וואס איז א מציאות, דארף מען נישט קיין אמונה דערויף. חכמה בגוים תאמין?! מען דארף גלייבן אז עס איז דא חכמה ביי גוים?! זעהט מען דען נישט חכמה ביי גוים, וואס זיי טרעפן אלץ אויס טאג נאך טאג, נייע ערפינדונגען פון חכמה? לייקענט דען איינער אז עס איז נישט דא קיין חכמה ביי גוים? יודען זענען טאקע אן עם חכם ונבון, זיי זענען גרעסערע חכמים, אבער חכמה איז אויך דא ביי גוים. פארוואס דארף מען אויף דעם אמונה? - תורה בגוים אל תאמין, וואס איז שייך עס תולה צו זיין אין אמונה, צו גלייבן צו עס איז דא תורה ביי גוים?

**עס** איז דא א הייליג ווארט פונעם **חתם סופר** (**בתורת משה** בפרשתנו מ.) אויף דעם פסוק רק השמר לך. אז די גמרא (מועד קטן יז.) זאגט אויפן פסוק (מלאכי ב-ז), כי שפתי כהן ישמרו דעת, ותורה יבקשו מפיהו, כי מלאך ה' צבאו'ת היא. אם הרב דומה למלאך ה' צבאו'ת, יבקשו תורה מפיהו, אויב דו האסט א רבי וואס איז דומה צו א מלאך ה' צבאו'ת, זאלסטו לערנען ביי אים תורה. ואם לאו, אז דער רבי איז נישט דומה צו א מלאך ה', אל יבקשו תורה מפיהו, זיי נישט מקבל ביי אים קיין תורה. זאגט דער **חתם סופר**, דאס איז א סברה פאר א תלמיד. א תלמיד ווען ער זוכט א רבי, זאל ער זוכן א רבי וואס איז דומה למלאך ה' צבאו'ת. זאגט דער הייליגער **חתם סופר** ווייטער, און דער מענטש וואס שפירט ביי זיך, אז ער איז נישט קיין מלאך ה' צבאו'ת, ער ווייסט ביי זיך אז עס פעלט אים אין יראת שמים, עס פעלט ביי אים אין ערליכקייט, איז א איסור אויף אים ער זאל לערנען תורה מיט א צווייטן! ווייל די תורה וואס דו גייסט לערנען מיט אן אנדערן, וועט נישט אריינגיין אין דעם מיט וועמען דו לערנסט תורה. עס איז נישט נאר אן אזהרה פאר דעם תלמיד, נאר עס איז אויך א אזהרה פאר דעם רבי וואס לערנט מיט אים תורה, אז טאמער ער איז נישט ערליך, זאל ער נישט לערנען תורה מיט א צווייטן, ווייל עס וועט נישט אריינגיין די תורה וואס ער לערנט מיט אים.

**און** אין די חידושים (בבא בתרא כא.) זאגט ער עס טיפער. אז די תורה וואס מען לערנט מיט א צווייטן, אז עס ווערט געלערנט ערליך, איז עס אזוי ווי א פלאם פייער וואס גייט אריין אינעם הארץ פון דעם וואס איז מקבל די תורה, און די תורה מאכט א רושם אויף דעם וואס לערנט דעריין, אז ער זאל זיך פירן שפעטער על דרכי התורה. אבער טאמער עס פעלט די ערליכקייט פון דעם וואס לערנט די תורה, גייט די תורה נישט אריין אינעווייניג אינעם מענטש, און ענדערש זאל ער נישט לערנען מיט אים קיין תורה.

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר**, ווען עס איז והיו הדברים האלה אשר אנכי מצוך היום על לבבך, אויב אויפן טאטענס הארץ ליגט די דברים אשר אנכי מצוך היום, דעמאלטס ושננתם לבנך, דעמאלטס זאלסטו לערנען מיט דיינע קינדער. אבער טאמער דער טאטע שפירט ביי זיך, אז עס פעלט אים, און די דברים האלה זענען נישט על לבבך, איז חשוב'ער אז ער זאל נישט לערנען מיט די קינדער, ער זאל איבערלאזן אנדערע זאלן לערנען מיט די קינדער, און נישט ער.

**זאגט** דער **חתם סופר**, די תורה זאגט, רק השמר לך ושמר נפשך מאד, דו זאלסט זיך זייער היטן, טאמער דו שפירסט ביי דיר, פן תשכח את הדברים אשר ראו עיניך, אז דו האסט פארגעסן דאס וואס דיינע אויגן האבן געזעהן, און ביי דיר, ביי דעם טאטען, צו ביים רבי, איז ופן יסורו מלבבך כל ימי חייך, עס ווערט אפגעטון פון דיר וואס דו האסט געזעהן און

געלערנט, והודעתם לבניך ולבני בניך, זאלסטו זיין אפגעהיטן פון דאס לערנען פאר דיינע קינדער און פאר דיינע אייניקלעך. דער 'והודעתם לבנך' גייט ארויף אויפן השמר לך. השמר לך, דו זאלסט דיך היטן, אז טאמער עס איז ביי דיר אזא מצב, אז עס איז תשכח את הדברים אשר ראו עיניך, און והודעתם לבנך ולבני בנך? דו ווילסט עס איבערגעבן פאר קינדער און אייניקלעך? לערן עס נישט מיט זיי! גיב זיי עס נישט איבער! ווייל תורה איז נאר חשוב בשעת מען לערנט תורה ערליך, די תורה גייט אריין אינעם מענטש. - אין די חידושים רעדט ער אקעגן מלמדים. מען זאל נעמען ערליכע מלמדים, און אויף דעם זאגט ער די ווערטער, 'אז טאמער דער מלמד פעלט אים אין יראת שמים, טוען נישט אויף די ווערטער וואס מען לערנט פאר א קינד'.

**תורה** הק' האט אין זיך חכמה, די טיפקייט פון תורה הק' איז א געוואלדיגע חכמה. אבער תורה איז נישט נאר א חכמה אליין. תורה איז טייטש, עס לערנט דעם מענטש דעם ריכטיגן וועג ווי אזוי זיך צו פירן! עס איז דא וואס א מענטש קען לערנען תורה, און ער לערנט עס פאר א חכמה, און די תורה מאכט נישט אויף אים קיין שום רושם אין זיין הנהגה ווי אזוי ער דארף זיך צו פירן. האט ער חכמה, אבער ער האט נישט קיין תורה. תורה איז דער טייטשט, אז די תורה לערנט אויס דעם מענטש ווי אזוי ער דארף זיך צו פירן, דאס הייסט געלערנט תורה.

**א** גוי קען אויך לערנען תורה. ווען א גוי האט א גוטן קאפ, קען ער פארשטיין א מחלוקת פון אביי מיט רבא, מען דארף נישט זיין דער גאר גרויסער חכם ער זאל עס קענען פארשטיין. 'חכמה בגוים', עס זאל זיין חכמה ביי גוים, ער זאל לערנען תורה אלץ א חכמה, 'תאמין', דאס קענסטו גלייבן. עס איז מעגליך אז א גוי זאל קענען לערנען תורה אלץ א חכמה. אבער 'תורה בגוים', אז די תורה זאל זיין ביי אים 'תורה', עס זאל אים אויסלערנען ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן. 'אל תאמין', גלייב נישט, דאס איז נישט דא. עס איז נישט שייך אז מען זאל קענען איבערגעבן תורה איינער פארן צווייטן, ווען עס פעלט אינעם ערליכקייט פון דעם נותן, וואס גיט עס איבער פאר א צווייטן.

*

**איכה** איז אויסגעשטעלט לויט די אל"ף בי"ת. די גמרא (סנהדרין קד.) זאגט שוין, אז איכה איז אויסגעשטעלט אויף די א"ב, ווייל זיי האבן עובר געווען אויף די כ"ב אותיות התורה. איינע פון די פסוקים אין איכה איז מהופך, דער פסוק וואס הייבט זיך אן מיט א עי"ן וואלט געדארפט זיין קודם, און אין פסוק שטייט קודם דער אות פ', און נאכדעם דעם ע'. זאגט די גמרא, שאמרו בפיהם מה שלא ראו בעיניהם. פשוט פשט גייט עס ארויף אויף די מרגלים, זיי האבן געזאגט מיטן מויל זאכן וואס זיי האבן נישט געזעהן מיט די אויגן, און דאס האט צוגעברענגט דעם חורבן פון בית המקדש. דער פה האט געזאגט א זאך וואס מען האט נישט געזעהן מיטן עי"ן, וועגן דעם שטייט דער פ"א פארן עי"ן.

**עס** קען אפשר זיין, די תורה הק' איז דער שורש פון א יוד. אין וואס פאר א מצב א מענטש איז, אויב ער זיצט און ער לערנט תורה, וועט די תורה אויפטון ביי אים, און סוף כל סוף וועט ער זיך צוריק קערן און זיך פירן ערליך. עס שטייט אין מדרש (איכ"ר פתיחתא ב), אז דער אייבערשטער זאגט, הלוואי אותי עזבו ותורתי שמרו, הלוואי וואלטן זיי מיך איבערגעלאזט, און זיי וואלטן זיך געהאלטן צו די תורה, שהמאור שבה מחזירו למוטב, דער מאור וואס מען לערנט תורה, דאס איז מחזירו למוטב.

**איכה** דאס איז די קינה וואס מען איז מקונן אויפן חורבן בית המקדש, אין אנהייב פון די פסוקים איז אויסגערעכנט די א' ב' פון די תורה. ווייל אז מען וויל זוכה זיין אז די קינה זאל נתהפך ווערן לששון ולשמחה, מען זאל זוכה זיין צו די גאולה, דארף מען עוסק זיין אין תורה, דאס איז די כ"ב אותיות פון דעם א"ב.

**אז** מען לערנט תורה, און מען חזר'ט נישט וואס מען לערנט, עס ליגט נישט אינעם קאפ וואס מען לערנט. מען לערנט און מען חזר'ט נישט איבער וואס מען לערנט, פעלט אין קדושת התורה. ווען א מענטש לערנט תורה, און ער געדענקט וואס ער לערנט, און ער חזר'ט איבער וואס מען לערנט, קען ער שטענדיג עוסק זיין אין תורה. ער גייט אויף דער גאס, ער גייט אויפן וועג, ער ליגט אין בעט, ער עסט, ער האנדלט, קען די קאפ זיין אין תורה. אבער דאס איז אלץ, ווען א מענטש האט איינגע'חזר'ט ביי זיך

די תורה, און ער האט וואס צו געדענקען פון תורה. אבער טאמער מען חזר'ט נישט וואס מען לערנט, איז בשעת מען לערנט לערנט מען, אבער ווען מען גייט אוועק פון די גמרא, האט מען נישט די תורה וואס זאל אים קענען אפהיטן.

**אז** מען לערנט תורה און מען קען עס נישט אויסענווייניג, דארף מען נוצן די אויגן, און נאכדעם קען מען נוצן די מויל. מען מוז קודם אריינקוקן אין א ספר, און נאכדעם קען ער לערנען. ער קען נישט לערנען ביז ווילאנג ער קוקט נישט אריין קודם. אבער אז מען קען תורה, מען האט איינגע'חזר'ט און מען קען עס אויסענווייניג, דעמאלטס קען מען נוצן די מויל צו תורה אפילו מען נוצט נישט די אויגן, אז מען זאל אריינקוקן קודם. - די חשיבות פון תורה איז, מען זאל לערנען תורה, אז דער פ"ה זאל קענען זיין פארן עי"ן! מען דארף נישט האבן קודם דעם עי"ן אריינצוקוקן, און נאכדעם זאל ער קענען לערנען. נאר ער זאל קענען געדענקען וואס מען לערנט, און קענען לערנען תורה מיטן פ"ה, בעפאר מען קוקט אריין אינעם גמרא.

*

**לענינינו**, מען זיצט ביי א סעודת בר מצוה פון מיין חשוב'ן אייניקל, פון מיינע חשוב'סטע אייניקלעך, הערשי זאל זיין געזונט. מען האט פריער געהערט, ער האט מסיים געווען ששה סדרי משנה. איך האלט מיט, פון ווען ער האט אנגעהויבן ברכות, ביז ער האט געענדיגט עוקצין. און ער האט פלייסיג געלערנט יעדע זאך. און נישט נאר סתם געלערנט, נאר אויך איבערגע'חזר'ט וואס מען האט געלערנט, און נישט איינמאל נישט צוויי מאל. עס איז ביי אים דער פ"ה פארן עי"ן! ער מוז נישט עפענען קיין ספר אריינצוקוקן כדי ער זאל קענען נאכזאגן וואס מען האט געלערנט. ער קען זיך פארמעסטן מיט אסאך גרויסע בחורים אין ידיעות התורה.

**און** דאס קומט נישט פון זיך אליין, מקצת שבחו בפניו, מיין חשובער זון יהושע, וואס עס איז יראת ה' חופפת על פניו, לייגט אריין זייער אסאך צייט פאר די קינדער, ספו ליה כתורא, אנצופולען די קינדער מיט תורה. און ווי מען האט פריער גערעדט, ווען די תורה קומט פון איינעם וואס עס איז והיו הדברים האלה אשר אנכי מצוך היום על לבבך, איז ושננתם לבנך, נאכדעם אז מען לערנט מיט די קינדער, האט עס א רושם. די קינדער נעמען איבער, און עס גייט אריין אין זיי די תורה. - חכמת נשים בנתה ביתה, מיין חשובע שנור, לייגט אריין אסאך ערליכקייט, און אסאך כוחות אין די קינדער, און עס איז קענטיג, דין נפיש מדבית אבא, זי קומט פון אזא שטוב פון מיין חשוב'ן מחותן דער ראש ישיבה זאל זיין געזונט, א שטוב וואס איז געבויט אויף תורה און יראת שמים. ועל ראשם דער רבי זאל זיין געזונט. וואס איך האב א געוואלדיגע הנאה אז מיין יהושע דרייט זיך דא, און ער איז אזויפיל מקבל מיט אזא נאנטקייט, מיט אזא אהבה, מיט חביבות, וואס איז דא צווישן זיי.

**וויל** איך נאר אזויפיל וואונטשן, דער אייבערשטער זאל געבן, אז מיר זאלן קענען זעהן שמחות ונחת ביי אונזערע קינדער און אייניקלעך. דער אייבערשטער זאל העלפן פארן בר מצוה בחור, ער זאל קענען שטייגן ווייטער אויך אין תורה און יראת שמים. איך וויל דיר נישט רימען, אז דו האסט געלערנט ששה סדרי משנה, איך וויל דיר נאר זאגן, אז דו זאלסט געדענקען אז דו ביסט א בעל כשרון! אויב דו קענסט קענען ששה סדרי משנה, קענסטו קענען גאנץ ש"ס אויך! און עס ליגט אויף דיר אן עול, און א התחייבות, צו נעמען אויף זיך עול תורה. דו גייסט אריין יעצט אין עול תורה, מען האט פריער גערעדט די חשיבות פון א מצווה ועושה, נעמען אויף זיך דעם עול תורה ווייטער צו שטייגן. - איך וואונטש פאר אלע חשוב'ע גוטע פריינד וואס זענען זיך געקומען משתתף זיין אין די שמחה, דער באשעפער זאל זיי געבן שמחות ביי אלע זייערע קינדער, מען זאל אליין זעהן נחת דקדושה, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות. און מיר זאלן אלע אינאיינעם זוכה זיין, אז די טעג וואס מען האט מתאבל געווען אויפן חורבן פון בית המקדש זאל נתהפך ווערן לששון ולשמחה, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

*

אחר הבר מצוה חזר **רבינו שליט"א** לביתו נאוה קודש בעיר וויליאמסבורג.

*

***יום רביעי פרשת ואתחנן***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** למאנסי וקבע מזוזה בביתו החדש של הר"ר **יהודא ארי' וויינגארטן** הי"ו. אחר

כך הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבני המשפחה.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לקרית יואל והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **יואל ווערצבערגער** הי"ו, שהתקיים באולם קרן ויואל משה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה ביי מתן תורה, אז דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די עשרת הדברות. און צווישן די חשוב'סטע מצוות וואס איז דא אין די תורה, איז אויסגערעכנט שמירת שבת, שמור את יום השבת לקדשו (דברים ה-יב), און די מצוה נאכדעם איז כבד את אביך ואת אמך למען יאריכון ימיך. נאך די מצוה פון שבת, האט אונז דער אייבערשטער געגעבן די מצוה פון כיבוד אב ואם, קינדער זענען מחויב מכבד צו זיין טאטע און מאמע. מען מיינט נישט קליינע קינדער וואס זענען נאכנישט מחויב אין קיין מצות, **ווען די תורה גיט די מצוה פון כיבוד אב, רעדט מען פאר עלטערע קינדער, די וואס האבן שוין אן אייגענע שכל און א אייגענעם דעת, און פון דעסטוועגן דאך דארף מען שעצן עלטערן, און זיי מכבד זיין מיט וואס מען קען.** - פארוואס האט די תורה צוגעשטעלט די מצוה פון כבד את אביך ואת אמך, נאכדעם וואס די תורה האט אונז געגעבן די מצוה פון שבת. שבת איז א געוואלדיגע חשובע מצוה, און די תורה האט מסמיך געווען צו דעם כבד את אביך ואת אמך.

**עס** קען זיין דער ענין דערפון איז. דער הייליגער **חתם סופר** שרייבט אויף מערערע פלעצער (**בתורת משה** פ' קדושים), אז מען זעהט אז עשו האט מקיים געווען די מצוה פון כיבוד אב. קיין שום מצוה האט ער נישט געהאלטן, און פון דעסטוועגן דאך ער האט מכבד געווען די עלטערן מיט א אויסערגעווענליכע כבוד. עס שטייט אין מדרש (ב"ר סה-טז) אז עס איז כמעט נישט געווען איינער וואס האט מכבד געווען טאטע מאמע, אזוי ווי עשו האט מכבד געווען יצחק. ווי קומט עס צו עשו הרשע, אז עס זאל זיין ביי אים אזוי חשוב די מצוה פון כיבוד אב.

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר**, א גוי טוט א מצוה שכלי, א שכל'דיגע מצוה. ווען א מענטש קומט אראפ אויף די וועלט, איז דא שלשה שותפין באדם, טאטע, מאמע, און הקב"ה (נדה לא.). דער חלק הגוף איז פון די עלטערן, און דער חלק הנשמה איז פונעם אייבערשטן. אלע תענוגים וואס דער גוי האט אויף די וועלט, איז אלעס פון די חלק פון זיינע עלטערן. און דער שכל זאגט, אז עס קומט זיך אז ער זאל מכבד זיין עלטערן וואס האבן צוגעשטעלט פאר אים אזא תענוג פון עולם הזה. עס איז ביי זיי א מצוה שכלי. ביי יודישע קינדער איז כיבוד אב ואם נישט קיין מצוה שכלי, די גמרא (עירובין יג:) זאגט דאך, אז שתי שנים ומחצה האבן זיך געקריגט די בית שמאי מיט בית הלל, צו עס איז נוח לו לאדם שנברא. און נמנו וגמרו אז נוח לו לאדם שלא נברא משנברא, עס איז בעסער פארן מענטש ווען מען וואלט אינגאנצען נישט געקומען אויף די וועלט. די נסיונות וואס א מענטש גייט אדורך אויף די וועלט, איז נוח לו שלא נברא. דער **מהרש"א** זאגט אויף נמנו וגמרו, אז יעדע געשעפט קוקט א מענטש צו עס איז קרוב לשכר און ווייט פון הפסד. און אין עבודת הבורא איז א מענטש רחוק משכר וקרוב להפסד. עס איז טאקע דא רמ"ח מצות עשה וואס מען קען זוכה זיין צו שכר, אבער אדורכפאלן קען מען אסאך מער, עס איז דא מער לאוין פון עשה. איז נמנו וגמרו נוח לו לאדם שלא נברא. - איז ביי אונז גארנישט אזא שכליות'דיגע מצוה מכבד צו זיין די עלטערן, ווייל עס איז נוח לו לאדם שלא נברא משנברא.

**איז** וועגן דעם, א גוי וואס איז נישט מחוייב מיט קיין מצות, ביי אים איז דאך די לעבן אויף די וועלט א תענוג פון עולם הזה, ער דארף דאנקען די עלטערן אז זיי האבן צוגעשטעלט פאר אים דעם תענוג. אבער א יוד וואס זיין תכלית אויף די וועלט איז שמירת התורה והמצוות, און טאמער איז ער נישט מקיים וואס מען דארף, איז גרינג אדורכצופאלן, און עס איז נוח לו לאדם שלא נברא, אויב אזוי איז עס א חוק דאס וואס ער דארף מקיים זיין די מצוה פון כיבוד אב.

**עס** קען אבער זיין, דער אייבערשטער האט דאך באשאפן דעם מענטש, ועכשיו שנברא. שבת האט א געוואלדיגע חשיבות, שקולה מצות שבת כנגד כל התורה כולה (ירושלמי ברכות א-ה), ווען א יוד היט שבת, איז כאילו ער איז מקיים אלע מצות פון די תורה. אויב ער איז כופר אין שבת, איז כאילו ער איז כופר בכל התורה כולה. קומט אויס, ווען א יוד האלט שבת, האט ער נישט נאר מקיים געווען איין

מצוה פון שבת, נאר ער איז מקיים דעמאלטס כל התורה כולה. אויב אזוי, ווען מען מאכט דעם חשבון אז פאר שמירת שבת האט ער כל התורה כולה, און דערצו האט ער נאך רמ"ז מצות עשה וואס ער קען מקיים זיין, איז די עשה מער פון די לא תעשה. ווען מען רעכנט צו דעם שבת, איז נוח לו לאדם שנברא.

**האט** דער אייבערשטער מקדים געווען די מצוה פון שבת, און נאכדעם האט ער געגעבן די מצוה פון כבד את אביך ואת אמך, ווייל אויב ער וואלט געגעבן די מצוה פון כבד את אביך פאר דעם, איז דאך נוח לו לאדם שלא נברא משנברא. אבער יעצט האט די תורה געגעבן די מצוה פון שבת, היט אפ דעם שבת, וואס שבת איז שקולה כנגד כל המצות, און נאכדעם כבד את אביך ואת אמך. יעצט וועסטו קענען מכבד זיין דיינע עלטערן, און עס וועט זיין א מצות שכלי מכבד צו זיין טאטע און מאמע. – און אזוי געפונט מען אויך אין פרשת קדושים (ויקרא יט-ג) איש אמו ואביו תיראו ואת שבתותי תשמרו, די תורה האט צוגעשטעלט די מצוה פון מורא אב, צו די מצוה פון שבת.

**לענינינו**, דער חשוב'ער בר מצוה בחור אברהם יוסף זאל זיין געזונט, גייט אריין לעול המצוות. ער האט ביז יעצט אויך מקיים געווען כבד את אביך ואת אמך, אבער **כבד את אביך מיינט נישט נאר ווען דער טאטע הייסט עפעס, דעמאלטס פאלגט מען און מען טוט עס, נאר אויך ווען א קינד פירט זיך אויף שיין, וואס איז א נחת פאר די עלטערן. ער לערנט ער דאווענט, און דער טאטע האט נחת פון דעם, דאס איז די גרעסטע חשיבות פון כבד את אביך ואת אמך. עס איז נישט דא נאך אזא כבוד וואס א קינד קען געבן פאר עלטערן, ווי ווען עלטערן זעהן דער קינד ווערט נתגדל, און ער פירט זיך אויפן ריכטיגן וועג, און עס קומט צוריק גוטע גריסן פון די ישיבה, אז ער לערנט פלייסיג און מען פירט זיך אויף איידל, דאס איז כבד את אביך ואת אמך, וואס איז פן די חשוב'סטע מצות וואס איז דא אין די תורה.**

**ב"ה** דער בר מצוה בחור פירט זיך אויף זייער איידל, און ערליך. ער האט זיך געהאט פון וואו צו לערנען, א שטוב פון רבי יואל זאל זיין געזונט, וואו עס איז דא אהבת תורה און אהבת חסד. ער האט ליב צו טון גוטס, און ער העלפט ארויס יודישע קינדער מיט וואס ער קען. איך האב א עקסטערן הכרת הטוב פאר יואל זאל זיין געזונט, פאר אלעם וואס ער טוט, און פאר די ספר וואס ער האט געהאלפן יעצט ארויסצוגעבן לכבוד די בר מצוה. און דאס איז אויך א חלק פון כבד את אביך, מנדב צו זיין לעילוי נשמת פון זיין פאטער. זאל אים דער אייבערשטער געבן אסאך כח און געזונט, ער זאל זעהן אסאך נחת דקדושה ביי אלע קינדער, מתוך שמחה וטוב לבב. און מיר אלע זאלן געהאלפן ווערן מיט כל מיני ישועות, און אקעגן גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

***<u>שבת קודש פרשת ואתחנן</u>***

כשעה וחצי אחר זמן מוצאי שבת ערך **רבינו שליט"א** סעודת מלוה מלכה בבית המדרש. **רבינו שליט"א** סיפר סיפורי צדיקים מאת **הרה"ק מבעלזא זי"ע** (מתוך הספר מפיהם ומפי כתבם). בברכת המזון נתכבד הר"ר **שמחה פריעדמאנן** הי"ו.

***<u>וזה תוכן הסיפורים (מה שרבינו שליט"א הוסיף עליהם):</u>***

**די** וואך איז די יארצייט פונעם **הייליגן בעלזער רב זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל.** די גמרא (יומא לח:) זאגט, ראה הקב"ה שהצדיקים מועטין, עמד ושתלן בכל דור ודור, דער אייבערשטער האט געזעהן אז עס איז דא ווייניג צדיקים, האט ער איינגעפלאנצט אין יעדן דור אז עס זאל זיין א צדיק. מען זאל זיך קענען לערנען פון אים, וואס זיין זכות זאל מגין זיין אויפן דור. נאך די קריג איז כמעט נישט געבליבן פון יוראפ קיין צדיקים. איך מיין אז פון גאליציע און פולין נאכדעם וואס די רשעים זענען אריינגעקומען אז מען זאל זיך נאך קענען ארויסראטעווען, איז נישט געווען נאר דער **בעלזער רב זי"ע**, וואס האט זיך ארויסגעשווערצט פון פולין קיין אונגארן, און שפעטער פון אונגארן קיין ארץ ישראל. - פון אונגארן איז אויך כמעט נישט געבליבן פון די עלטערע צדיקים נאר דער **סאטמארער רב זי"ע**, וואס האט זיך אויך ארויסגעשווערצט פון אונגארן אין די לעצטע צייט, ווען די רשעים זענען אריינגעקומען.

**יעדער** צדיק האט זיין שיינקייט, און זיין מדריגה, וואס ער איז נישט דומה צום צווייטען. אלע צדיקים האבן אין זיך זייערע מעלות, אבער דער **בעלזער רב זי"ע** איז געווען א צדיק וואס איז געווען אויסגעטון

פון די וועלט במלוא מובן המילה, וואס כדוגמתו איז פאר דעם אויך נישט געווען קיין סאך, אבער אין די לעצטע דור איז זיכער נישט געווען אזאנס. ער האט כמעט נישט גערעסן, נישט געטרינקען, און נישט געשלאפן, ממש ווי א מלאך אלקים. ער איז כל ימיו געזעסן אויף א בענקל, וואס האט נישט געהאט קיין אנליינער אויף די זייט, א בחור אין ישיבה זיצט אויף א בעסערע בענקל פון וואס ער איז געזעסן, און ער האט זיך קיינמאל נישט אנגעליינט אויפן רוקן, ער איז אלץ נאר געזעסן אויף די האלבע בענקל איינגעבויגענערהייט, און אזוי איז ער געזעסן א גאנצען טאג. ער האט קוים געוואויגן אפאר פונט, ער האט כמעט נישט געגעסן, און וואס ער האט שוין יא אריינגענומען אין מויל איז תיכף ארויסגערינען פונעם מויל. דער אייבערשטער האט געגעבן די זכיה אז ער האט איבערגעלאזט אזעלכע צדיקים אינעם לעצטן דור, אז מען זאל האבן פון וועם זיך צו לערנען. און זייער זכות זאל מגין זיין.

**איך** האב געהערט פון **מיין טאטן ז"ל**, אז ער איז אמאל געפארן מיט זיין פאטער (**הגה"ק מסערדאהעלי זצ"ל**) אויף א שבת אין באד צוזאמען מיטן **בעלזער רב**, און דער גבאי וואס האט געהייסן רבי אהרן יהושע האט געזאגט פארן זיידן, אז מען גיט אויס אזויפיל געלט צו קומען דא אין באד, און דער **בעלזער רב** איז נאכנישט ארויסגעגאנגען פון שטוב זייט ער איז געקומען דא, און ער האט לאזט נישט עפענען א פענסטער ביי זיך אינדערהיים, די גאנצע צייט וואס ער געפונט זיך דא. איך ווייס נישט אויף וואס מען איז געקומען. דאס איז געווען פרייטאג. שבת בייטאג האט דער אהרן יהושע געזאגט פארן זיידען, אז דעם פרייטאג צו נאכטס איז געווען נייעס. ווען דער **בעלזער רב** איז אהיימגעקומען פונעם טיש, האט ער געהייסען מען זאל עפענען די פענסטער'ס, און ער איז צוגעגאנגען צום פענסטער, און ער האט געגעבן א שמעק, אזוי ווי מען שמעקט בשמים, און ער האט געזאגט, 'אזא פיינע לופט', און ער האט געהייסן צומאכן די פענסטער. דאס איז געווען זיין וויקעשא"ן ווי מען זאגט. - ווען מען האט אים געפרעגט, פארוואס ער איז געקומען. האט ער געזאגט, אז די לופט איז דא אזוי גוט, אז עס קומט אריין אפילו מיט צוגעמאכטע פענסטער...

*

סיפר לי בעל המעשה שבדידיה הוה עובדא, שבשנת תש"ט בהיותו בתל אביב אצל **הרה"ק מהר"א מבעלזא זי"ע**, עמדו שעות והמתינו ליכנס **להרה"ק מבעלזא**. פתאום יצא המשב"ק ואמר שיכולין ליכנס. והמספר אך יצא מבית הכסא, וכיון ששמע שיכולין ליכנס רץ מהר ושכח ליטול ידיו, ובהגיע תורו לקבלת שלום אחז **הרה"ק מבעלזא** באלונטית, ונתן לו שלום תוך האלונטית. ראה מעשה ונזכר הלכה, ששכח ליטול ידיו.

**והוסיף רבינו:** עס האט מיר פארציילט דער **קאלוב'ער רבי** זאל האבן א רפואה שלימה, אז ווען ער איז געווען א בחור, איז ער אמאל געווען אין ארץ ישראל, און ווען ער האט זיך געזעגנט אוועקצופארן, האט ער געגעבן א מטבע פארן **בעלזער רב**, אז ער זאל עס בענטשען. און עס איז געווען א שווייצער מטבע, און די שווייצער מטבעות האבן אויף זיך א צלם. דער **בעלזער רב** האט קיינמאל נישט אנגעכאפט קיין געלט, און מען פלעגט עס איבערצודעקן, און אזוי פלעגט ער עס בענטשען. און תיכף ווען ער האט ארויפגעלייגט די הענט דערויף, האט ער עס אויפגעהויבן, און ער האט געפרעגט וואס ליגט אונטער דעם. האט מען געזעהן אז עס איז געווען א שווייצער מטבע. ער האט געהאט א הרגשה, ער האט תופס געווען יעדע דבר שבקדושה.

*

שמעתי מהרה"ח רבי ישראל בריעף ע"ה שהוא היה עוד בראצפערט בעת המלחמה העולמית הראשונה בשנת תרע"ה, ששהה שם **הרה"ק מוהרי"ד מבעלזא זי"ע**, ואז נעשה בנו **הגה"צ מבולגרייא זצ"ל** בר מצוה, ואחר הבר מצוה דיברו שם. וענה אחד מן המסובים שכמה אנשים הנלקחים לצבא נוטים מדרך הישר. וענה **הרה"ק מבעלזא** דאינו ראיה דכולם נחמצים שם על ידי שהלכו במלחמה, דהנה רוב בני אדם מתנהגים בדרך הישר על ידי בושה, וכשהולכים למלחמה ופושטים הבושה נוטים מדרך הישר.

**ואמר רבינו:** עס איז א געוואלדיגער מוסר השכל, די כח וואס א מענטש האט. א מענטש האט דאך א יצר הרע, און דער יצר הרע שלאפט נישט, אבער טאמער געפונט ער זיך אין א גוטע סביבה, ער וויל נישט האבן א שלעכטען נאמען. אומדירעקט גיט עס אים א שטופ, אז ער זאל זיך פירן ווי עס דארף צו זיין. איז

ממילא אין מיליטער וואו ער האט עס נישט, ער האט זיך נישט פאר וועם צו שעמען, דארט פירט ער זיך אויף אנדערש.

**מען** זעהט עס ביי די אלע וואס ווילן אביסל נאכלאזן פון יודישקייט, גייען זיי אוועק פון א היימישע סביבה. מען זוכט צו קויפן א דירה, א הויז, ארויס פון די געגענט. דאס איז די ערשטע שריט, ווי מען קען אביסל אראפווארפען פון זיך דעם עול, דארט וועט ער זיך נישט דארפען שעמען, ער וועט קענען טון וואס ער וויל. ווען ער וואוינט אין גאר א חסידישע סביבה, און ער וויל אנהייבן נאכצולאזן, גייט ער אוועק פון די מקום וואו ער איז, אפילו ער גייט אויף א ערליך פלאץ, אבער עס זאל נישט זיין אזוי פרום ווי די פריערדיגע פלאץ איז געווען, פילט ער זיך גוט אז ער קען טון דארט וואס ער וויל. ווען ער גייט אין די קאנטרי זוכט ער זיך אזא קאנטרי ווי ער קען האבן א גו"ד טיי"ם, ער האט זיך נישט פון וועם צו שעמען, און אז מען האט זיך נישט פון וועם צו שעמען, פאלט מען.

*

וסיפר החסיד הנ"ל שאינו זוכר אם זה אמר **הרה"ק מבעלזא** או אחר שם, דבזה מבינים המשנה (אבות ד-יח) ואל תשתדל לראותו בשעת קלקלתו. דכל זמן שאינם יודעים מזה, אז עוד יש לו בושה, אבל אם יתוודע, אז לא יהיה לו מפני מה להתבייש.

**ואמר רבינו:** עס איז א געוואלדיגע נקודה, אז בשעת מען זעהט א מענטש וואס טוט א זאך וואס מען דארף נישט, ווילאנג ער ווייסט אז קיינער ווייסט נישט דערפון, ער האט געטון די זאך אליין וכדומה, פראבירט ער נאך ווייטער צו האלטן דעם שיינעם פנים, אז ער זאל זיך פירן ערליך. אבער אז מען האט מפרסם געווען אז ער איז אדורכגעפאלען, האט ער שוין מער נישט די בושה, ער האט זיך נישט פון וועם צו שעמען, איך בין שוין ממילא אראפגעקלאפט.

**עס** איז נוגע פאר א מגיד שיעור מיט תלמידים, עס איז נוגע פאר עלטערן מיט קינדער, דאס קינד טאר נישט וויסן אז מען ווייסט וואס ער האט געטון א זאך וואס איז נישט ריכטיג. ווייל ווילאנג ער ווייסט אז דער טאטע קוקט ארויף אויף אים, אזוי לאנג וויל ער זיך נאך צושטעלן, ער וויל ווייזן דעם שיינעם פנים אז ער פירט זיך ערליך. אבער טאמער ער שפירט אז ער האט פארלוירן ביים טאטן זיין חשיבות, האט ער זיך שוין נישט וואס צו שעמען, און אז ער האט זיך נישט וואס צו שעמען, וועט ער נאך מער פאלען. אל תשתדל לראותו בשעת קלקלתו, ווען ער האט א קלקול מאך זיך נישט וויסענדיג, באמערק נישט דעם קלקול, ווייל אז מען באמערקט דעם קלקול וואס ער האט געהאט, נעמט מען אוועק פון אים די בושה, אז ער זאל זיך קענען ווייטער האלטן.

*

סיפר **הגה"צ מנאנאש זצ"ל** שפעם בבחרותו היה בעיר ראצפערט בצל **הרה"ק מוהרי"ד מבעלזא זי"ע** על ימים נוראים, וכל היום הקדוש עמד **הרה"ק מבעלזא זי"ע** על תבן, וככלות קדיש האחרון אחר תפלת נעילה סבב את עצמו פניו כלפי העם ואמר, נו. היינו שיכולים ליקח מן התבן. וכל הקהל הקודש דחפו את עצמן לחטוף מן התבן. **והרה"ק מבעלזא** עמד שם, ובציצית שבידו הכה אותם ואמר, שוטים, שוטים, אזוי הייבט מען אן דעם נייעם יאר.

**והוסיף רבינו:** איך האב געהערט פארציילען, אז דער הייליגער **בעלזער רב, רבי אהרן,** פון ארץ ישראל, איז אויך געשטאנען אויף שטרוי [איך האב אויך ביי מיר אינדערהיים א שטיקל פון די שטרוי], און ער האט געזאגט אז ער גיט נישט רשות צו כאפן פון די שטרוי, עס איז גזל, ביז ער וועט נישט קודם נעמען. דער הייליגער **בעלזער רב** האט גענומען פאר זיך אליין א שטיקל שטרוי, און נאכדעם האט ער געזאגט, יעצט קען מען כאפן פון די שטרוי.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל**